**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול לאזט אין גאנג פארלאנגען פאר פראפאזעלס דערגרייכנדיג ביז 950 מיליאן דאלער אוועילעבל צו באפעסטיגן צוטריט צו הויכע קוואליטעט העלט קעיר דורכאויס ניו יארק סטעיט**

***עפנט פארלאנג פאר פראפאזעלס פאר העלט קעיר איינריכטונגען איבערן סטעיט טראנספארמאציע פראגראם רונדעס IV און V צו צושטעלן פינאנצירונג פאר קריטישע העלט קעיר דעליווערי פראיעקטן און איניציאטיוון***

***גרענטס וועלן שטיצן וויכטיגע העלט קעיר סערוויסעס אריבער ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געלאזט אין גאנג א פארלאנג פאר פראפאזעלס מאכנדיג 950 מיליאן אין נאך סטעיט פאנדינג אוועילעבל צו שטיצן פראיעקטן וואס וועלן טראנספארמירן און פארזיכערן ניו יארק סטעיט'ס העלט קעיר דעליווערי סיסטעם. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט העלט דעפארטמענט און דורך די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York), וועט דער העלט קעיר איינריכטונגען איבערן סטעיט טראנספארמאציע פראגראם (Statewide Health Care Facility Transformation Program) העלפן פארבעסערן קעיר פאר פאציענטן דורכן שטיצן הויכע-קוואליטעט איינריכטונגען וועלכע דינען אינפעישענט אנשטאלטן, פאמיליע מעדיצין, גייסטישע געזונטהייט, דראג באנוץ קראנקהייט און לאנג-טערמיניגע קעיר באדערפענישן פון קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן צוטריט צו העלט קעיר פון א גוטע קוואליטעט און צו א שטארקע, סטאבילע און יושר'דיגע העלט קעיר סיסטעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס וועלן צושטעלן קריטישע געלטער פאר פארבעסערונגען ביי שפיטעלער און ביי אנדערע איינריכטונגען אריבער אונזער סטעיט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו די קעיר פון די העכסטע סטאנדארט וואס קומט זיך פאר ניו יארקער."

די געלטער וועלן שענקען פראיעקטן דורכאויס די סטעיט. אינטערעסירטע ארגאניזאציעס קענען טרעפן בארעכטיגונג אינפארמאציע סיי דורך ניו יארק סטעיט קאנטראקט רעפארטער, אדער אינערהאלב די גרענטס געטאוועי.

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דזשעימס מעקדאָנעלד, האט געזאגט,** "די געלטער וועלן ערמעגליכן אונזערע העלט קעיר פראפעסיאנאלן און איינריכטונגען צו נאך מער מאדערניזירן, צוזאמברענגען און באשיצן העלט קעיר סערוויסעס צו פארזיכערן אז ניו יארקער באקומען צוטריט צו די מעדיצינישע קעיר וואס זיי דארפן יעצט און פאר צוקונפטיגע דורות. ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער ווען עס קומט צו צושטעלן העלט קעיר פון די העכסטע סטאנדארט א דאנק גאווערנער

האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז אונזערע העלט קעיר סיסטעמען האבן די נויטיגע מיטלען צו קענען צושטעלן די בעסטע קעיר וואס איז נאר מעגליך פאר אלע ניו יארקער."

דריי פארלאנגען פאר פראפאזעלס (requests for proposals, RFP) זענען ארויסגעגעבן געווארן, אריינגערעכנט:

- ביז 250 מיליאן דאלער פון סטעיטווייד IV צו שטופן טראנספארמירנדע העלט קעיר אינוועסטירונגען
- ביז 650 מיליאן דאלער צו שטיצן אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און סייבער-סעקיוריטי אין העלט קעיר פאסיליטיס
- ביז 50 מיליאן דאלאר פאר נויירסינג היימען ערפינדונג פראיעקטן

דער העלט קעיר איינריכטונגען איבערן סטעיט טראנספארמאציע פראגראם ציהלט צו שטיצן באמיאונגען צו רעדוצירן העלט קעיר קאסטן און צו פארבעסערן די געזונטהייט תוצאות פון ניו יארקער דורכן פארברייטערן צוטריט צו אינפעישענט אנשטאלטן, פאמיליע מעדיצין, פארמיידנדע קעיר און אנדערע דרויסנדיגע קליניק סערוויסעס אלץ טייל פון ראיאניש צוזאמגעשטעלטע העלט קעיר סיסטעמען. די געלטער זענען אויך פאקוסירט אויף פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן פארזיכערן די פינאנציעלע סוסטעינעביליטי פון זיכערהייט נעץ העלט קעיר פראוויידערס, און די פרעזערווירונג אדער פארברייטערונג פון וויכטיגע העלט קעיר סערוויסעס.

די RFP's וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן נעמען אריין פאנדינג אונטער די צווייטע שטאפל פון דעם העלט קעיר איינריכטונגען איבערן סטעיט טראנספארמאציע פראגראם IV און די ערשטע שטאפל פון דעם העלט קעיר איינריכטונגען איבערן סטעיט טראנספארמאציע פראגראם V. אין סך הכל האט ניו יארק סטעיט פארטיילט כמעט 4 ביליאן דאלאר אין פינאנצירונג דורך קאפיטאל פראגראמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418